בן-ציון קליבאַנסקי

# ר׳ איצעלע ראַבינאָוויטש – ״דער רעוואָלוציאָנער גאון״

אין חודש אָדר איז אויסגעפֿאַלן דער נײַנציקסטער יאָרצײַט פֿון ליטווישן רב, יצחק יעקב ראַבינאָוויטש, וועלכער איז באַקאַנט – לויט זײַן לעצטער רבֿנישער שטאָט – ווי ר׳ איצעלע פּאָניוועזשער. פֿיר חדשים נאָך קערענסקיס רעוואָלוציע (אין מערץ 1917), טרעפֿן מיר אים ווי אַ פּליט אין רוסלאַנד. ער נעמט אָנטייל אין אַ גרויסער פֿאַרזאַמלונג פֿון אַרום הונדערט רבֿנים און כּלל-טוערס, וואָס האָבן באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ ייִדישע פֿרומע באַוועגונג, א.נ. ״מסורת וחרות״ (טראַדיציע און פֿרײַהייט). אויף דער ערשטער זיצונג אין מאָסקווע טיילט ער זיך אויס אין זײַנע רעדעס מיט זײַנע עקסטרעמע סאָציאַליסטישע געדאַנקען, וואָס שענקען אים דעם צונאָמען ״דער רעוואָלוציאָנער גאון״.

ווער איז טאַקע געווען ר׳ איצעלע ראַבינאָוויטש? ער האָט געשטאַמט פֿון אַ שטעטל שערשעוו אין גראָדנער גובערניע (זעכציק ק״מ פֿון בריסק). ווען ער איז געוואָרן פֿערצן יאָר אַלט, אין 1868, האָט מען פֿאַר אים געפֿונען אַ גוטן שידוך, מיט אַ טאָכטער פֿון אַ גביר, אַ ישובֿניק. ביז דער חתונה איז דאָס זייער פֿעיִקע ייִנגל געזעסן אין שטעטל סעלץ און געלערנט תּורה בײַם אָרטיקן רבֿ, ר׳ ירוחם לייב פּערלמאַן, וועלכער איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן ווי דער ״מינסקער גדול״. נאָך דער חתונה אין 1871, איז ר׳ איצעלע געווען אויף קעסט בײַם שווער אין הויף און געלערנט תּורה פֿאַר זיך. הערענדיק אַז די בריסקער קהילה האָט אויסגעקליבן אַלס רבֿ דעם באַרימטן ר׳ יאָשע בער סאָלאָווייטשיק, וועלכער איז געווען פֿריִער אַ ראש ישיבֿה אין וואָלאָזשין און אַ רבֿ אין סלוצק, איז ר׳ איצעלע געפֿאָרן אין 1879 קיין בריסק, נאָענט צו זײַן וווינאָרט. אַ קורצע צײַט נאָכדעם האָט ער דאָרט זיך באַזעצט און געלערנט צוזאַמען מיט דעם רבֿס
עילוייִשן זון, חיימקע, בײַם גאוניאַלן בריסקער רבֿ. צוויי יאָר איז ער געזעסן אין בריסק, ביז מ׳האָט זײַן חבֿר, חיימען, באַשטימט אַלס ראש ישיבֿה אין וואָלאָזשין, בײַ דער זײַט פֿון זײַן פֿרויס זיידן, דעם באַרימטן נצי״ב (ר׳ נפֿתלי צבֿי יהודה בערלין).

עס זיינען פֿאַרבײַ יאָרן ביז מ׳האָט אויך ר׳ איצעלען אין 1888 אויסגעקליבן פֿאַר אַ ראש ישיבֿה, אין ביאַליסטאָק, אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פֿון ר׳ יאָשע בער, וועלכער פֿלעגט ר׳ איצעלען רופֿן ״יונגער גאון״. אַ יאָר דערנאָך האָט דער גרינדער פֿון דער מוסר-ישיבֿה אין סלאַבאָדקע (נעבן קאָוונע), ר׳ נאָטע הירש פֿינקעל, פֿאָרגעלייגט ר׳ איצעלען צו ווערן בײַ אים אַ ראש ישיבֿה, כּדי צו פֿאַרשטאַרקן די לערע פֿון דער סלאַבאָדקער ישיבֿה, וועלכע איז געווען באַוווּסט מיט איר מוסר-שטעלונג. ר׳ איצעלע האָט געגעבן זײַן הסכּמה, און מיט זײַן נײַעם לערן-וועג, וואָס איז געווען ענלעך צו ר׳ חיים סאָלאָווייטשיקס, האָט ער געהאַט אַ גרויסע הצלחה.



דער שם פֿון דער ישיבֿה איז געווען פֿאַרשפּרייט אין דעם גאַנצן געביט, און אַ סך בחורים זײַנען צוגעצויגן געוואָרן צו דער ישיבֿה. טאַקע דאַן האָט דער עולם אַנערקענט ר׳ איצעלעס גאוניאַלע פֿעיִקייטן.

גענויע פֿיר יאָר איז ר׳ איצעלע געווען דער ראש ישיבֿה. מעגלעך אַז זײַענדיק אַ קעגנער פֿון דעם מוסר-וועג, איז אים שווער געווען צו זען אַז דער מוסר פֿאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין דער ישיבֿה. אין 1893 האָט ער באַשלאָסן זי צו פֿאַרלאָזן, און ער איז געוואָרן אויסגעקליבן אַלס רבֿ אין שטעטל גאָרזד (זיבעצן ק״מ פֿון מעמעל). צוויי יאָר שפּעטער האָט די קהילה פֿון פּאָניוועזש באַשלאָסן אים אַוועקצוזעצן אויפֿן שטאָטישן רבנות-שטול. טאַקע פֿון דאַן רופֿט מען אים ר׳ איצעלע פּאָניוועשזער.

פֿאַר ר׳ איצעלען איז געווען א גרויסער כּבוד צו זײַן אַ רבֿ אין אַזאַ וויכטיקער שטאָט ווי פּאָניועזש. אָבער זײַן כאַראַקטער האָט אים ניט געלאָזט זיך דערמיט צו באַפֿרידיקן: אַרויסקומענדיק פֿון אַ רײַכער שטוב, האָט ער געשאָנקען מער אויפֿמערקזאַמקייט די אָרעמע לײַט פֿון דער שטאָט, ווי די רײַכע ייִדן. און אַזוי האָט געשריבן עמעצער אין יענע צײַטן: ״ער האָט ניט געהאַט אין פּאָניוועזש קיין געטרײַע תּלמידים, וועלכע האָבן געקענט הערן זײַן תּורה... ס׳איז ניט געווען צווישן די ׳גבֿירים׳ און די ׳בעלי-בתּים׳ קיינער וואָס זאָל קענען שאַצן זײַן וויסן... זײַן תּורה האָבן זיי ניט פֿאַרשטאַנען, זײַן גוט האַרץ פֿאַר יעדער אַרבעט, זײַן איבערגעגעבנקייט צו העלפֿן די יונגע לײַט לערנען אַ מלאָכה האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ חסרון... און אַזוי זיצט ער דאָרט פֿרעמד, עלנט, און אַליין״ (פֿון העברעיִש; צבי רבין, ׳מתפוצות ישראל׳, המליץ, י״ג חשוון תרס״ד, ז׳ 1).

עס זײַנען אַריבער זעכצן יאָר ביז ער איז געקומען צו זיך, און געקענט נאָכאַמאָל באַנוצן זײַנע גאוניאַלע פֿעיִקייטן.

אין מאָסקווע איז געשטאָרבן דער גבֿיר אָשר בענדיט גאַוורּאָנסקי, דער איידעם פֿון דעם באַרימטן ״טיי-קעניג״, קלמן וואָלף וויסאָצקי. צום אָנדענק פֿון איר מאַן, האָט די אַלמנה, ליבע מרים – אויף דער עצה פֿון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק –

באַשלאָסן אין 1911 צו גרינדן אַ לערן-קיבוץ אין פּאָניוועשז, אָנגעפֿירט פֿון ר׳ איצעלע. דער פֿאָנד האָט געקלעקט פֿאַר צוואַנציק תּלמידים, פֿון זיי צוועלף בחורים און אַכט געהייראַטע, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אין פֿאַרלויף פֿון פֿיר יאָר קריגן סמיכה. דער נאָמען פֿון נײַעם תּורה-אָרט איז געווען: ״דער קיבוץ פֿאַר די אויסגעצייכנטע ישיבֿה-בחורים״, און ר׳ איצעלע האָט אָנגעהויבן זוכן אַזעלכע תּלמידים, ווי ער האָט אַליין געשריבן צו דעם פּאַלאַנגענער רבֿ, חיים יצחק קאָרב: ״יעצט זוך איך פּאַסיקע בחורים און פֿאַרהייראַטע, פֿעיִקע און ירא-שמימדיקע... וויל איך בעטן אײַך, מײַן פֿרײַנט, אַז אויב איר ווייסט אַזעלכע, לאָזט מיר וויסן. אויף אײַער עדותשאַפֿט קען איך זיך פֿאַרלאָזן״ (פֿון העברעיִש; זײַן בריוו פֿון ז׳ שבט תרע״א, אין: יצחק יעקב רבינוביץ, זכר יצחק, ירושלים תש״ט, ז׳ רד). עס איז אים טאַקע געלונגען אויסצוקלײַבן פֿעיִקע תלמידים, און די מאָנאַטליכע הויכע שטיצע האָט זיי שנעל צוגעקלעפּט אין שטאָט אַן אָריגינאַלן נאָמען ״רײַכע אָרים-בחורים״...

ר׳ איצעלע האָט ניט געקענט אָנקווען אַ לאַנגע צײַט פֿון זײַן לערן-קיבוץ. עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה און דעם 15 מאַי 1915 האט דער רוסישער אַרמיי-קאָמאַנדיר אַרויסגעגעבן אַ גזירה ארויסצושיקן מער ווי הונדערט צוואַנציג טויזנט ייִדן פֿון דער קאָוונער גובערניע, און צווישן זיי – אויך די ייִדן פֿון פּאָניוועשז. ר׳ איצעלע מיט זײַנע תּלמידים האָבן גענומען די באַן קיין דווינסק, און פֿון דאָרטן זיינען זיי דערפֿאָרן צו אַ קליין וויטעבסקער שטעטל, לוצין, וווּ ער האָט ווײַטער ממשיך געווען די גמרא שיעורים פֿאַר זײַנע תּלמידים. אין דעם זעלבן שטעטל איז צופֿעליג געווען דער באַוווּסטער בוכהאַלטער יעקב מאַרק, וועלכער האט באַשריבן אין זײַן בוך ר׳ איצעלעס שיעורים: ״צו הערען זאָגענדיג איהם אַ שיעור איז געווען אַ ווירקליכער עונג רוחני. ער פֿלעגט פֿאַרהיפּנאָטיזירען דעם צוהערער מיט זײַנע שכל׳דיגע אײַנפֿעלע, אַז עס פֿלעגט זיך אָפּדוכטען, דאָס איינער פֿון די בעלי-התוספֿות שטעהט פֿאַר די אויגען. זײַן כּח-ההסברה איז געווען ניט באַזונדערס גוט, ווײַל דער מח האָט בײַ איהם שנעלער געאַרבייט ווי די צונג... זײַן השגה איז געווען איבערמענשליך״. און מאַרק האָט דערלייגט פֿון זײַנע אײַנדרוקן: ״איך האָב אַליין אייניגע מאָל באַמערקט ווי אין עטליכע מינוטען פֿלעגט ער איבערקוקען די גרעסטע צײַטונגען און קיין זאַך ניט דורכגעלאָזען, און נאָך געהאַט צו פֿרעגן קשיות אויף דעם עדיטאָריעל-שרײַבער, אַז ער איז זיך סותר מיט דעם וואָס ער האָט נעכטען געשריבען״...(יעקב מאַרק, גדולים פֿון אונזער צײַט, ז׳ 133).

עס איז געווען מלחמה-צײַט, און סוף 1915 האָט ר׳ איצעלע געמוזט פֿאַרלאָזן לוצין, און ווידער וואַנדערן מיט זײַן קיבוץ אין דרום רוסלאַנד, ביז צו מאַריופּאָל אין דער יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, נעבן דעם אַזאָווישן ים. אפֿילו דאָרט האָט ער ממשיך געווען זײַנע שיעורים, קריגנדיק פֿון מאָסקווע די מאָנאַטליכע שטיצע פֿאַר זײַנע תּלמידים, בעת ער אַליין האָט זיך אויפֿגעהאַלטן נאָר אויף קאַרגן ברייט.

ווי פֿריער דערמאָנט, האָט אין מאָסקווע, אין יולי 1917 זיך פֿאַרזאַמלט אַ גאַנץ גרויסע גרופּע באַוווּסטע רבנים, אַ סך פֿון זיי פּליטים פֿון ליטע, און צווישן זיי אויך ר׳ איצעלע, וועלכער האָט געמאַכט דעם גאַנצן וועג פֿון מאַריופּאָל, כּדי צו פֿאַרעפֿנטליכן זײַנע מיינונגען אויף דער ייִדישער אסיפֿה פֿון דער נײַער טראַדיציאָנאַלער באַוועגונג. ער האָט געפֿאָדערט אַרײַנצונעמען אין איר פּראָגראַם ניט נאָר די קולטורעלע זײַט, נאָר טאַקע אויך כּלל-רוסישע פּאָליטישע פֿראַגען, און האָט באַטאָנט, אַז: ״דער פּאָליטישער טייל איז נויטיק, ווײַל דורך אים וועלן מיר צוציִען די יונגע לײַט און די גאַס צו אונדזער פֿראַקציע. און אָט זעען מיר, אַז אויב כּלל-ישׂראל וויל עס אַזוי – איז עס אויך גאָטס ווילן״ (פֿון העברעיִש; יהודה ליב גרויבאַרט, ספר זכרון, ז׳ 107). ער האָט באַזונדערס באַטאָנט די אַגראַרישע פֿראַגע. ער האַט געטענהט, אַז לויט דער ייִדישער תּורה האָט די נײַע רוסישע רעגירונג רעכט אַדורכצופֿירן אַן אַגראַר-רעפֿאָרם, צונעמען די ערד פֿון די גרויסע פּריצים, די אַלטע ״גזלנים״, און צעטיילן זי צווישן די אָרעמע פּויערים.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אויף זײַנע מיינונגען האָט געווירקט מאַרקס׳ ״קאַפּיטאַל״, וואָס האָט אַמאָל געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויף אים (נאָר ער איז ניט מסכּים געווען דאַן מיט זײַנע פֿאָרלאַגען). די אסיפֿה האָט אָבער זײַנע ״רעוואָלוציאָנע״ מיינונגען ניט באַשטעטיקט.

נאָך דער באָלשעוויקישער רעוואָלוציע און אין מיטן דער בלוטיקער רויט-ווײַסער מלחמה אין רוסלאַנד, איז אים געלונגען סוף 1918 זיך צוריקצוקערן קיין פּאָניוועזש, אָבער נאָר מיט איין תּלמיד. דער סאָוויעטישער רעשזים אין דער שטאָט האָט זיך גוט באַצויגן צו אים, וויסנדיק זײַנע מיינונגען, אָבער – ווידער עפֿענען דעם לערן-קיבוץ האָט ער אים ניט דערלויבט. אין דער צײַט האָט געהערשט אַ שווערע טיפֿוס עפּידעמיע, און גייענדיק פֿון שטוב צו שטוב צו דערמונטערן די קראַנקע, האָט ער זיך אָנגעשטעקט, און איז נאָך אַ קורצער צײַט געשטאָרבן.

קוקנדיק אויף די היסטאָריע פֿון ר׳ איצעלען, קען מען ניט אויסמײַדן דעם געפֿיל אַז די געניאַלע פּערזענלעכקייט האָט ניט אויסגענוצט ווי געהעריק אירע פֿעיִקייטן און אפֿילו ניט געלאָזן דעם פּאַסיקן אײַנדרוק אין דער ייִדישער געשיכטע. זאָל דער אַרטיקל זײַן א קליינער ציגל אין דעם ניט פֿאַרענדיקטן בנין, מעגלעך נײַנציק יאָר צו שפּעט.